יא, זאגט דער רמב"ם אז ווייל אונז ווייסן אז דער בית דין האט געקענט די אלע חשבונות, **ידענו**, ווייסן אונז, **שכל מי שרוחו נכונה**, איינער וואס איז אן... ער איז גרייט, ער האט זיין גוט באלאנסד, איך ווייס נישט פונקטליך, מ'דארף פארשטיין וואס פונקטליך מיינט אזוי ווי... איך ווייס נישט, א גוטע מענטש, א רעכטיגע מענטש. איך מיין ס'איז דריי לעוועלס, אזוי ווי, כדי א מענטש זאל וועלן מאכן די חשבונות, דארף זיין די בעיסיק, די ערשטע לעוועל איז, איך ווייס, מאסלאו'ס הייערארקי, קודם דארף ער זיין נארמאל, ער זאל נישט זיין הונגעריג און ער האט נישט קיין פרנסה, איז ער נישט רוחו נכונה. קודם זאל ער זיין רואיג און ער זאל זיין מסודר.

און נאכדעם, **ולבו טהור לדברי חכמות**, וועט זיין הארץ גלוסטן צו דברי חכמות, און דעמאלטס וועט ער קענען גיין נעקסט, **ולעמוד על הסודות**, זיך טאקע שטעלן און קלאר ווערן אין די סודות. אקעי, אפשר דברי חכמות און סודות איז די זעלבע. ס'הייסט, ער וויל פארשטיין די חכמות, און די חכמות זענען פארהוילן פון אים, ווייל דער בית דין גייט זאגן באלד, מ'האט דאך נישט פארציילט דאס, סאו די סודות, די חכמות זענען סודות. ביז יעצט האט מען שוין געזען אז ס'איז נישט סודות.

איז אזא איינער **יתאוה** גלוסטן **לידע אותן הדרכים שמחשבין בהן**, צו וויסן די וועגן וויאזוי מ'קען אויסרעכענען צו די לבנה גייט קומען, די חשבונות וואס די חכמים האבן געוואוסט צו מאכן, **עד שידע האדם אם יראה הירח בלילה הזה או לא יראה**. א מענטש וועט וועלן לערנען אזויפיל ביז ער וועט וויסן, ער וועט קענען טאקע אויסרעכענען וואס ס'גייט זיין און ווערן געפראווט ווען ער וועט זען די לבנה טאקע ארויסקומען אז ער איז געווען גערעכנט מיט זיינע חשבונות.

### Speaker 2:

יא, אבער וואס ער וויל וויסן איז אויב ס'קען זען. שידע אם... ווייל דאס איז וואס דער בית המקדש האט געדארפט וויסן, אבער דאס איז אויך די חשבון וואס דער מענטש וויל קענען לערנען און פארשטיין.

#### הלכה ב — די שוועריקייט פון די חשבונות

### Speaker 1:

זאגט ער, אבער ס'איז נישט אזוי פשוט. ס'טייטש, ס'איז נישט גענוג אז דו וועסט עפענען וויקיפעדיע און אריינקוקן. ס'איז א שווערע חשבון. זאגט ער אזוי, **ודרכי החשבון יש בהן מחלוקות גדולות בין חכמי הגוים הקדמונים**, אזוי ווי דער רמב"ם האט פריער געזאגט אז ס'איז געווען שוין מחלוקת וואס איז נישט אין דעם סיי צווישן די חכמי ישראל, אבער נאך פארדעם איז געווען אין דעם וויכוחים צווישן חכמי יון און פרס. **שחקרו חשבון התקופות והגימטריאות.** זיי האבן געטרייט צו חוקר זיין, אויסצורעכענען די תקופות, ווען פונקטליך, וויפיל טעג איז געדויערט צווישן יעדע פון די פיר תקופות פון די יאר.

**והגימטריאות**, אין די חשבון חכמת המעט, גימטריאות, די פשוט'ע טייטש דערפון איז דזשיאמעטרי. אבער גימטריא אסאך מאל נוצט מען אלס א כינוי פאר מעט אין כלליות. סאו די חכמים פריער האבן געוואוסט די חשבון התקופה איז בעיסד אויף מעט.

### Speaker 2:

זייער גוט. אין אנדערע ווערטער, לכאורה, דאס איז לכאורה א לשון פון די משנה, תקופות וגימטריאות פרפראות לחכמה, וואס דער רמב"ם לכאורה מיינט יענע משנה. און די וועג וואס מ'רעכנט די תקופות איז דורך גימטריאות, דורך דעם וואס ס'איז אויך גימטריאות, ווייל ס'איז נישט מעט פון נאמבערס, ס'איז דורך בעצם מעט פון די שטח, פון וואו ס'פארט אין זון, וועלכע דאווענען עס. באט יא, איך מיין אז באופן כלוגי היינט רופט עס אזוי. אבער דער רמב"ם לכאורה זאגט גימטריאות, הגם אויף אראביש רופט עס עפעס אנדערש, ווייל דאס איז לשון המשנה. וזכו חכמתכם וממונתכם, יא?

### Speaker 1:

יא. איך ווייס נישט, ס'שטייט דארט כמעט תרועות, אבער דער משנה אין אבות שטייט רבי אלעזר בן חסמא אומר תקופות וגימטריאות פרפראות לחכמה, עפעס אזוי. אקעי, יא.

סאו וואס ער מיינט צו זאגן איז, עס וועט זיין טהור, וועסטו מיינען איך קען קוקן אין עפעס א בוך? איך קען אבער נישט. יא, ווייל ס'איז געווען אין דעם אסאך מחלוקת. **ואנשים חכמים גדולים נשתבשו**, אפילו גרויסע חכמים האבן זיך געמוטשעט און אנגעקומען צו גרייזן אין דעם, **ונתעלמו מהם דברים**, סערטען וויכטיגע ידיעות זענען נישט אנגעקומען צו זיי, און ממילא **ונודע להם ספיקות**, איז געשען צו זיי ספיקות. אזוי ווייט אז **יש מי שדקדק הרבה**, ס'איז געווען אפילו די וואס האבן אריינגעלייגט אין אריין אסאך

כוחות מדקדק געווען, **ולא פגע בדרך הנכונה בחשבון עיבורו**, ער איז נישט אנגעקומען צו דעם אמת. **אלא צלל במים אדירים**, ער האט אריינגעשווימען אין די שווערע וואסערן, אין טיפע וואסערן, און נאך אלע מעשיות איז אים גארנישט געלונגען, אזוי ווי איינער וואס שפרינגט אריין אין א שווערע וואסער צו ראטעווען א דיימאנד אדער עפעס, און צום סוף ברענגט ער ארויס, אה, ער האט עפעס געטראפן, אבער ער קומט ארויס פון וואסער, זעט מען ער האט געטראפן א חרס, א שטיקל ביליגע שטיקל שארון.

דאס איז א לשון הגמרא. דאס איז א לשון הגמרא, וואס די לשון הגמרא איז שוין אויכעט אויף צללו כעופרת במים אדירים, ויהי לחרס. צללו כעופרת במים אדירים, ס'איז באזירט אויף יענע פסוק.

## Speaker 2:

יא, ווייל דארטן מיין איך, צללו במים אדירים גייט ארויף אויף די מצרים אדער וואס. צללו במים אדירים, אבער דא שטייט במים אדירים אין די גרויסע וואסערן.

#### פארוואס דער רמב"ם שרייבט דעם ספר

## Speaker 1:

אבער ריבונו של עולם, זאגט דער רמב"ם, אז ווייל ס'איז אזוי גרינג זיך טועה צו זיין, און ס'איז א גרויסע... דער רמב"ם האט דא אויכעט, מ'זעט דא א געוויסע מיטגעפיל, א סימפאטי, צו דער חכם וואס מוטשעט זיך, און צום סוף קומט ער נעבעך נישט גארנישט אן. סאו דער רמב"ם איז א גרויסער בעל חסד, בעל רחמים. סאו גייט ער זיי זייער גוט מסביר זיין.

## Speaker 2:

איך וואלט עס געליינט אביסל פארקערט, איך וואלט עס געליינט אז כאילו דער רמב"ם איז דזשאסטיפייד פארוואס ער דארף שרייבן א ספר. דאס הייסט, ממילא די גאנצע תורה האט ער שוין מסביר געווען די הקדמה פון זיין רמב"ם. און פארוואס ער שרייבט רמב"ם? ווייל דער עולם, קיינער ווייסט נישט קלאר די הלכות, און דו געדענקסט אז די הקדמות משנה תורה.

דער חיבור איז מיר אן עקסטרע חיבור, ווייל ס'איז דאך נישט קיין הלכות. די ליסטע אין די נעקסטע זיבן פרקים איז דאך נאר פרטי חשבונות וואס איז א חכמה. ס'איז נישט קיין פארט. דו קענסט זאגן, ס'איז דא וואס זאגן אז ס'איז אפילו געשריבן עקסטרע פון משנה תורה. קומט דעם, ס'איז נישט קיין פארט פון די ספר משנה תורה. עקסטערע זאך, דארף ער מסביר זיין פארוואס שרייבט ער? יעדער איינער שרייבט א ספר, דארף מען פרעגן א שאלה, ס'איז שוין דא גענוג ספרים אויף די נוסף, פארוואס דארפסטו שרייבן?

זאגט ער, ניין, ניין, ניין, ס'איז דא ספרים וואס זענען פון פארגרייזט. קודם האט ער געזאגט אז ס'איז דא אסאך מחלוקת'ן און אסאך שיטות וואס אסאך זענען ראנג, און ער גייט זאגן נאך סיבות פארוואס ס'פעלט אויס. זאגט ער מער. זאגט ער, אפילו אויב דו וועסט טרעפן ספרים פון אמאל, אבער ווייטער, לפי אורח הימים... ניין, ניין, ס'איז פארקערט, א מינוט, איך וויל ענדיגן אויף די הלכה.

דער רמב"ם דא זאגט אז פארוואס מ'קען מען דארף האבן א נייע ספר, ווייל די פריערדיגע זענען פארגרייסט, אדער א סאך חלק פון זיי זענען פארגרייסט, און דו קענסט נישט ווייסן וועלכע, עפעס אזוי. איך מיין אז דאס איז אויך אזוי ווי א שיינע וועג פון זאגן קריטיק. מסתמא האט ער געקענט, איך ווייס נישט פון וואו ער מיינט פערסאנעלי, אבער איך בין זיכער אז ער האט איינעם אין זינדער.

#### פארוואס דער רמב"ם האט מער אינפארמאציע ווי פריערדיגע חכמים

#### חכמי הגוים און די ראיית הלבנה

## Speaker 1:

איך מיין דא איז דא נאך א זאך, ווייל די חכמי הגוים וואס איז מען עוסק געווען אין דעם, אסאך פון זיי זענען נישט געווען ספעציעל אינטערעסירט פונקטליך וויסן ווען מ'קען זען די לבנה, ווייל דאס קומט פון די אידישע זאך אז מ'וויל זען קדוש החדש. קען זיין אז ס'איז געווען מער אינטערעסירט אין אנדערע זאכן, באופן כללי, די אלע די פונקטליכע זאך פון די ראית הירח שטייט נישט אין די...

און ס'איז אמת מיין איך, אויב מ'קוקט אין די נארמאלע ספרים וואס מ'פלעגט לערנען פון תלמי, שטייט נישט אזוי פיל וועגן די ראית הירח, ווייל ס'איז נישט געווען אזא נושא. ער האט געוואלט וויסן אלעס אויף איינמאל. סאו די פרט איז געווען מענטשן וואס האבן שטארק זיך געמוטשעט אין די קלאסטישע ספרים וואס רעדן דערוועגן, און זיי האבן נישט ארויסגעקומען קלאר. סאו ממילא פעלט אויס... יא, דער רמב"ם זאל אונז שרייבן דעם ספר.

#### "לפי אורך הימים ורוב הבדיקות והחקירות"

## Speaker 1:

יעצט קען ער זאגן וויאזוי ער ווייסט יא, פון וואו קומט עס זיין? פארוואס איז יא אויפטון אריינצוקוקן אין א נייע ספר? שטייטש, וואס איז יעצט בעסער ווי א ספר פון די דריי הונדערט יאר צוריק למשל וואלט דער רמב"ם געזאגט?

זאגט ער אזוי: **לפי אורך הימים, ורוב הבדיקות והחקירות, נודע למקצת החכמים דרכי חשבון זה** – ווי מער צייט גייט אדורך, ורוב הבדיקות והחקירות, און ווי מער מ'טשעקט עס אויס מיט בדיקות והחקירות, נודע למקצת החכמים דרכי חשבון זה, ווערן א חלק פון די חכמים ווערן יא זייער אויסגעקלארט מיט צייט.

ווייל אין די חשבון פון אסטראנאמיע קומט זייער שטארק אריין צייט, ווייל ס'איז דא אויך אלטע ארכעאלאגישע זאכן וואס מ'האט געטראפן אז די חכמים האבן אראפגעשריבן סימנים אז אין דעם און דעם יאר איז געווען די און די ליקוי ירח וכדומה. ווי מער יארן גייט אדורך, ווערן זאכן אויסגעקלארט.

ממילא, זאגט דער רמב"ם, נאך א סיבה פארוואס יעצט, זייט די ספרים וואס... לאמיר זאגן אז ס'איז געווען אידישע חכמים וואס האבן געוואוינט, אבער פון דעם זענען זאכן געווארן נאך קלארער, ווייל ס'איז דורכגעגאנגען מער צייט.

#### דער פרינציפ פון צייט אין וויסנשאפט

## Speaker 1:

דאס איז טאקע א וויכטיגע זאך, מ'האט גערעדט וועגן דעם ביסטו, רייט? מענטשן זאגן היינט איז שוין דא נאך צייט, ווייסט מען נאך בעסער, ס'איז נישט ווייל אונז זענען קלוגער, ס'איז נאך פשוט צייט.

סאו היינטיגע צייטן, ווען א מענטש וויל וויסן צו ס'איז א שאלה צו ער זאל לערנען אריסטו אדער ער זאל לערנען היינטיגע פילאסאפן, איז אזוי: אויב ס'איז ענינים וואס זאכן טוישן זיך ווייל ס'האט צוטון מיט אראפשרייבן סימנים פון יארן, טאקע דארף מען קוקן אין די נייעסטע. א זאך וואס האט זיך גארנישט געטוישט, פילוסופיא, איז נישט נוגע, אבער דאס איז א פאקט.

דער רמב"ם אליין זאגט דאס אויף אריסטו. סאו יעדער איינער פארשטייט אז ווען מ'וויל לערנען וועגן טעכנאלאגיע זאל מען נישט קוקן אין אריסטו, אבער ווען מ'וויל לערנען וועגן מאראל, וועגן עטיקס, לכאורה האט זיך נישט קיין סאך געטוישט, אויסער אויב מ'נעמט אן אלעס וואס פסיכאלאגן זאגן הייליג.

## Speaker 2:

אקעי, ווייטער.

## Speaker 1:

יא, יא. דער רמב"ם אליין זאגט דאס אויף אריסטו אין מורה נבוכים, אז אריסטו האט געמאכט טעותים אין אסטראנאמיע ווייל ס'נעמט פשוט צייט אויסצופיגערן. און כל שכן אויף חכמי ישראל. ס'איז נישט קיין פגיעה אין די רמב"ם.

דער אמת איז אז די רמב"ם... ס'איז אויך א שטיקל התנצלות, פארקערט. פארוואס מיינסטו אז איך בין קלוגער ווי די חכמים פאר מיר? ווייל במשך צייט, איך האב מער אינפארמאציע וואס זיי האבן געהאט.

#### "יש לנו בעיקרים אלו קבלות מפי החכמים"

## Speaker 1:

**ועוד**, דאס הייסט, דאס איז איין זאך וואס מ'דארף האבן מיט די רמב"ם, ווייל ער זאל לייגט זאגן וואס מיט די חכמים האבן לאורך הזמן אויסגעפיגערט. און נאך א סיבה זאגט ער, ס'וועט נישט זיין גענוג אז דו וועסט לייגען אלע בוקס אפילו, ווייל ס'איז דא זאכן וואס דו האסט נישט געליינט אין די בוקס וואס איך ווייס נישט.

**יש לנו בעיקרים אלו קבלות מפי החכמים**, איך האב אויך מקבל געווען פון דעם. די חכמים'ס מויל, פון חכמים וואס האבן מיר איבערגעגעבן **ראיות וקבלות שלא נכתבו בספרים הידועים לכל**, וואס שטייט נישט אין די באקאנטע ספרים. ממילא, וועט ער נישט העלפן דאס וואס ער האט געליינט פריער, די ספרים ליין מיך.

## Speaker 2:

אינטערעסאנט, יא.

#### דיסקוסיע: וואס מיינט "קבלות מפי החכמים"

## Speaker 1:

אפשר מיינט, איך זע אז ער ברענגט דא פון אונטן דעם רמב"ם ערוך. ס'קען זיין, איך האב געזען דער רב ר' פנאווי זאגט אז ס'איז דא געוויסע פרטים פון די חשבון איתא ריח וואס מ'ווייסט נישט פון וואו דער רמב"ם האט גענומען, אבער היינט קען מען יא טרעפן אויב ס'איז נישט געווען בזמנים פון דער רמב"ם יענע ספרים.

סאו ער האט עס געלערנט, מסתמא ער האט געהאט טיטשערס, ער איז געגאנגען אין א גוטע ס'איז נישט געווען קיין סקול אין זיינע צייטן, אבער ער האט געהאט אסטראנאמערס וואס האבן זיך געדרייט אין זיין געגנט, און זיי האבן אים געזאגט.

אדער ס'קען זיין, ער זאגט אן אנדערע טייטש, איך ווייס נישט אויב דאס איז אמת, ס'קען זיין אז ער מיינט צו זאגן "ידועים לקצת", קען זיין ס'שטייט יא אין געוויסע ספרים אבער ס'איז אויף אראביש, איך ווייס נישט, רוב אידן קענען נישט קיין אראביש. דער רמב"ם שרייבט דאך לשון הקודש פאר די וואס קענען נישט.

קען זיין ער מיינט אויך דאס, אז ס'איז דא זאכן, כללים, וואס שטייען נישט אין די גמרא און אין די משנה און אין די מדרש וואס יעדער איינער האט, ס'שטייט אין עפעס א גריכיש ספר וואס דער רמב"ם האט פונקט געהאט אקסעס צו א טרענסלעישאן. איך מיין פשוט טייטש מיינט עס יא.

## Speaker 2:

אקעי, ער זאגט נישט, ער זאגט קלאר ווען דער רמב"ם האט נישט חמור. מיר וועלן אנקומען סוף פרק י"ז, וועלן מיר רעדן מער פון וואו דער רמב"ם ווייסט דאס אלעס.

#### "כשר הדבר בעיני" — דער רמב"ם'ס לשון

#### "לקרבה אל המלאכה לעשות אותה"

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"נכנסתי אני אל הדברים, וכל אלו הסיבות, כשר הדבר בעיני"**, ווייל ס'איז זייער וויכטיג, און מצד שני איז עס שווער, מיר וועלן שוין אנקומען, **"ונכנס בלבי שהוא דבר נכון"**, ס'איז מיר אריינגעפאלן אז ס'איז א גלייכע זאך.

ער זאגט נישט אזוי ווי א חובה אויף מיר, ס'איז "כשר הדבר בעיני", **"לבאר דרכי חשבון זה"**, צו מבאר זיין די וועגן וויאזוי די חשבונות ארבעטן, **"כדי שיהא נכון למי שמלאו ליבו לקרבה אל המלאכה לעשות אותה"**. ס'זאל זיין יא גרייט.

פריער האט ער געזאגט אז איינער וואס האט א רוח נכונה און א לב וואס האט א רצון קען אנקומען צו די חכמה. זאגט ער, מיט דעם ספר האב איך טאקע, ס'איז א גוטע טול פאר דער וואס האט די ריכטיגע רוח און די ריכטיגע לב זאל קענען אנקומען צו די חכמה.

#### רמז צו מלאכת המשכן

## Speaker 1:

און דער רמב"ם נוצט א לשון פון מלאכת המשכן, יא? ס'איז זייער אינטערעסאנט. "לקרבה אל המלאכה לעשות אותה". ס'שטייט ביי ויקהל ערגעץ דארט, יא? ער ברענגט, יא, "לקרב אל המלאכה לעשות אותה".

קען זיין אז דער רמב"ם איז מרמז דא אז די משכן... מ'דארף זיין חושב מחשבות.

## Speaker 2:

ניין, איך טראכט א רמז, ווייל ס'שטייט אין די משכן, ס'שטייט אין כוזרי און אין אנדערע ראשונים, אז די משכן איז געווען קעגן מעשה בראשית. זוהר הקדוש, זייער שטארק. ס'קען זיין אז די מלאכה פון ידיעת המשכן איז אויך די מלאכה פון מערכת השמים, פון די גאנצע...

#### "ואל יהיו דרכים אלו קלים בעיניך"

#### פארוואס די חשבונות זענען וויכטיג אפילו בזמן הזה

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, נאך א שטיקל התנצלות און הסברים. נאך א סיבה פארוואס מענטשן זאלן טראכטן, "נו, לאמיך אויסלאזן הלכות קידוש החודש און גיין ווייטער צו הלכות תענית". אבער ביז יעצט פארשטייסטו אז ס'איז א הלכה, פונקט ווי אן ווייטער, איז א מענטש זאל טראכטן, נו...

זאגט דער רמב"ם, **"ואל יהיו דרכים אלו קלים בעיניך"**, זיי נישט מזלזל אין די דרכי החשבון. און ער טראכט, ממילא **"שאינם צריכים להם בזמן הזה"**, היינט דארף מען נישט די ענין, ווייל היינט איז מען מקדש לויט די לוח, און די לוח איז גענוג מיט די חשבון התקופות און די חשבון המולד וואס דער רמב"ם האט שוין געזאגט.

זאגט דער רמב"ם, ניין, ס'איז יא זייער וויכטיג, פארקערט ווי קלים זאל עס זיין, ס'איז רחוקים ועמוקים. **"שאלו הדרכים דרכים רחוקים ועמוקים הם"**, זיי זענען גרויסע חשוב'ע וועגן.

#### "רחוק ועמוק" — שווער צו משיג זיין

## Speaker 1:

רחוק ועמוק מיינט אז ס'איז שווער, אזוי ווי א פסוק "רחוק מה שהיה ועמוק עמוק מי ימצאנו", די היינטיגע וואך די פרשה, יא? "כי המצוה הזאת... לא רחוקה היא ממך", מיינט סתם שווער משיג צו זיין. ווען מענטשן מיינען אז "רחוקה היא ממך" מיינט אז ס'איז נישט ווערד צו טון, ניין, די פסוק מיינט אז ס'איז נישט ווערד צו פארשטיין.

אזוי ווי אין קהלת שטייט "רחוק מה שהיה ועמוק עמוק מי ימצאנו", מיינט שווער צו כאפן. אדער "אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני", מיינט רחוק בדעת. און דא זאגט דער רמב"ם, וועגן דעם איז חשוב, ווייל ס'איז דאך זייער שווער.

#### דער רמב"ם'ס סברא-שטראקטור

## Speaker 1:

אבער ס'איז אינטערעסאנט, ווייל "קלים בעיניך" זאגט ער, ווייל איך דארף עס נישט האבן אויף למעשה. דא זאגט ער, אפילו דו דארפסט עס נישט האבן אויף למעשה, אבער איז עס וויכטיג ווייל ס'איז זייער א טיפע חכמה.

ס'זעט אויס, אזוי ווי ער מיינט צו זאגן אזוי: דו וועסט טראכטן, ווייל מ'דארף עס נישט, איז מסתמא ווייל ס'איז נאריש, ווייל מ'האט געטראפן א קלוגערע וועג. זאגט ער, פונקט פארקערט, זיי האבן געטראפן א מער פראקטישע וועג, טאקע, "ואין צריכים להם", אבער נישט "ואין צריכים להם" ווייל זיי זענען קל. איז דאס איז דיווארט, יא?

דו קענסט מיקל זיין אין זיי און מזלזל זיין, ווייל ס'איז דאך אז מ'דארף עס נישט האבן פאר אונזער לוח. זאגט ער, ניין, אונז דארף מען עס נישט האבן פאר אונזער לוח פאר אנדערע סיבות, אבער ס'איז נאך אלץ זייער "דרכים רחוקים ועמוקים".

**דיגרעסיע: סוגיות וואס שטייען נישט אין שולחן ערוך**

## Speaker 1:

א מענטש קען זיך אמאל טראכטן אז א סוגיא וואס מ'דארף נישט קענען אויף צו קענען הלכה למעשה איז עפעס נישט אזא וויכטיגע סוגיא, והראיה מ'האט נישט געמאכט דערפון קיין שולחן ערוך. זאגט ער, ניין, אסאך מאל איז עס פונקט פארקערט. די סיבה פארוואס ס'שטייט נישט אין שולחן ערוך איז ווייל ס'איז גאר שטארק קאמפליצירט. אדער וועגן דעם, אדער ווייל ס'איז ריאליטי.

דאס הייסט, דער רמב"ם וואלט לכאורה מסכים געווען אז נישט יעדע זאך וואס איז נישט נוגע בזמן הזה דארף מען זיך מסביר זיין. הגם דער רמב"ם האט יא געשריבן אויף אלע הלכות וואס איז נישט בזמן הזה, אפשר האט ער נישט געהאלטן אזוי. ער האט געהאלטן אז מעשה בראשית, מעשה מרכבה, אה, זייער גוט. אבער ער זאגט נישט דאס קלאר דא.

ער וויל דיר מסביר זיין אז ס'איז א גרויסע ענין ווייל ס'איז שווער. אבער די שוועריגקייט איז נישט סתם אז ס'איז שווער, ס'איז נישט קיין ענין צו טון שווערע זאכן, נאר ווייל ס'איז דברים חשובים. אבער ס'פארפעלט עפעס די חשיבות.

**סוד העיבור**

**ראיה פון חז"ל אז די חשבונות זענען חשוב**

## Speaker 1:

יעצט ברענגט ער א ראיה אז אפילו ס'איז נישט אזוי וויכטיג אויף למעשה, האבן זיך די חכמים הגדולים זיך געמוטשעט אויף עס צו יא וויסן. רייט, און זיי האבן עס באהאלטן. פארוואס האבן זיי עס באהאלטן? זעט אויס ווייל ס'איז חשוב, אזוי זעט אויס. אפשר ווייל ס'איז דרכים עמוקים ורחוקים און נישט יעדער איינער קען.

סא לאמיר לערנען, עפעס בין איך נישט קלאר יעצט דא.

**"והוא סוד העיבור"**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **והוא, דאס איז דער סוד העיבור**, אויב דו האסט אמאל געזען אז ס'איז דא אזא זאך וואס ווערט גערופן ביי חז"ל "סוד העיבור", דער סוד פון עיבור השנים, **שהיו חכמים הגדולים יודעים אותו, ואין מוסרין אותו לכל אדם אלא לסמוכים נבונים.** די חכמים האבן עס נאר איבערגעגעבן פאר חכמים וואס זענען געווען סמוכים, וואס האבן געהאט סמיכה פון די פריערדיגע חכמים.

זעסטו פון דא אז ס'איז א חשוב'ע זאך, און אז מ'דארף סיי די רשות און סיי מ'דארף זיין פארשטענדליך, ווייל נישט יעדער איינער פארשטייט. רשות העלפט נישט אויב יענעמ'ס קאפ איז א וואנט.

זאגט ער, פון דעם האבן די חכמים עס איבערגעגעבן אפילו ווען מ'האט עס נישט געדארפט אזוי וויכטיג, וואס מ'האט געקענט אן עצה געבן אן דעם, ס'איז דאך גענוג אז מ'ווייסט די בערך. דאך האבן די חכמים אויסגעלערנט, ווייל זיי האבן געהאלטן אז ס'איז א זייער א חשוב'ע חכמה.

## Speaker 2:

ניין, לכאורה בשעת ס'איז א ראיה, פילט עס יא אויס. ווי סאך ס'פילט אויס וויים איך נישט, אבער ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האט פארשטאנען פון דעם...

**דיסקוסיע: וואס מיינט "סוד"**

## Speaker 1:

ס'איז נישט קלאר איבער וועלכע גמרא ער מיינט ווען ער רעדט פון סוד העיבור. ס'האט מיר געזאגט, איך מיין אז עיבורי טייטשט, סוד העיבור מיינט פשוט אסיפה, אזוי ווי "בסוד עמי" אדער וויאזוי... "סוד חכמים ונבונים".

## Speaker 2:

יא, ס'מיינט נישט פון די סיקרעט, ס'מיינט מער אזוי מועצת.

## Speaker 1:

נו, "סוד ה' ליראיו". וואס איז די אנדערע פסוק וואס איך וויל פרעגן? בקיצור, ס'איז דא א מפורש'ע פסוק וואס מ'זעט דארט, רייט? "בסודם אל תבא נפשי", רייט? ס'מיינט נישט אין זייער סיקרעט, ס'מיינט אין זייער...

**המשך דיון: וואס מיינט "סוד העיבור"?**

**Speaker 1:** ס'איז נישט קלאר איבער וועלכע גמרא ער מיינט ווען ער רעדט פון סוד העיבור. האט מען געזאגט, איך מיין אז עברי טייטש סוד העיבור מיינט פשוט אזוי ווי בסוד עמי, אדער וויאזוי האסטו געזאגט?

**Speaker 2:** בסוד חכמים ונבונים.

**Speaker 1:** יא, ס'מיינט נישט פון די סיקרעט, ס'מיינט מער אזוי ווי מעת יעצת. נו, סוד השם לרע... וואס איז דער אנדערער פסוק וואס איך וויל אנגעפרעגן? קיצט דא א מפורש'ער פסוק וואס מ'זעט דארט, רייט? בסודם אל תבא נפשי, רייט? ס'מיינט נישט אין זייער סיקרעט, ס'מיינט אין זייער קהילות אסיפה. ס'האט אזוי געמיינט.

אבער דער רמב"ם האט יא פארשטאנען, און ס'איז דא עפעס א משמעות אין די גמרא איינמאל אזוי, א סוד התורה, א געוויסע חכמה, און ס'זעט אויס אז מ'האט נישט געזאגט פאר יעדן, ס'איז עפעס אין נסיונות התורה. איז דער רמב"ם מוכיח אז אויב ס'איז א סוד התורה, זעט אויס אז ס'איז א דבר חשוב.

אבער איך מיין אז אויך די פלעצער וואו ס'שטייט סוד בתור, א פלאץ וואו מ'האט זיך פארזאמלט, איך מיין אז ס'איז געווען א פלאץ וואו מ'האט זיך פארזאמלט צו לערנען א געוויסע נושא, בתוך חכמים ונבונים. איז א פלאץ וואו מען האט עבירה צו לערנען א טיפע זאך, נאר די חכמים ונבונים. סאו סוד העיבור קען מיינען די פלאץ וואו די חכמים זענען זיך צוזאמגעקומען רעדן וועגן די עיבור. סאו דאס אליין ווייזט אז ס'איז א דבר חשוב וואס מען מאכט עס פון א אסיפה פאר דעם.

ס'קען זיין אז ס'איז חשוב פשוט ווייל מען וויל נישט אז יעדער איינער זאל זיך מאכן זייער אייגענע יארן.

**Speaker 2:** וועגן אוטאריטי מיינסטו?

**Speaker 1:** יא. ס'איז אמת אז ס'איז חשוב, ווי ס'האט שוין געלערנט. אבער ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האט פארשטאנען, ס'קען זיין אזוי ווי דו זאגסט, ס'קען זיין אז ס'איז נישט אמת'דיג וויכטיג צו וויסן די חשבון הראיה, ווייל ס'איז דאך נאר נוגע צו מקדש זיין די חדשים, אבער די חדשים איז דאך מער ווייניגער אמת, מ'קען מאכן זיכער אז ס'איז אן ענטליכע מענטשן, ס'פעלט נישט אויס. די reason פארוואס ס'איז געווען אזא עסק איז פארקערט, ווייל ס'טוט אן דעם עפעס א חכמה.

אקעי, מ'דארף פארשטיין דא בעסער. דער רמב"ם אין א תשובה האט געזאגט בפירוש אז די ריזען פארוואס ס'איז חשוב איז וועגן די נושא פון קענען מעשה בראשית. אבער דא זעט אויס אז ער וויל עס נישט זאגן קלאר דא.

ס'קען גאר זיין א קאנספיראציע אזוי ווי אז זיי האבן דוקא גענוצט זאכן טיפע חכמות צו אויספילטערן די וואס זענען נישט זייער קלוג. וועט מען וויסן אז ער באלאנגט נישט אין די סנהדרין. אויב ער קען סתם מאכן לאנדאס אויפ'ן פלאץ, אבער ער איז נישט קיין אמת'דיגע מעמיק אין מעט, האט מען דאך געוואוסט ער זאל נישט זיין דער נעקסטער חכם.

**דער רמב"ם'ס ערשטע התנצלות: דער פראקטישער חשבון איז נישט "סוד העיבור"**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **אבל זה החשבון...** יעצט מיינט דער רמב"ם זאל זיין נאך א זאך. איינער וועט קענען מיינען אז דער רמב"ם אליינס האט אביסל געזאגט פריער, אז דער עיבור מיינט דער חשבון איז צו האבן מיט דעם פסח. אין די ערשטע פאר סימנים האט זיך שוין דער רמב"ם אויסגערעכנט אלעס וואס מ'דארף וויסן צו וויסן אונזער לוח, דער פראקטישער לוח, דער עיבור השנים, מולדות און תקופות.

זאגט ער, דאס האט ער אבער נאך נישט אויסגערעכנט, ער גייט יעצט זאגן עפעס א גרעסערע לעוועל חכמה פון דעם. זאגט ער, וועט א מענטש טראכטן אז איך ווייס שוין אלעס, איך ווייס שוין די חשבון. זאגט ער, ניין, די חשבון וואס מ'איז מחשב ווען ס'איז נישט דא קיין בית דין, דקבוע על פי הראיה, שאנו מחשבים היום, וואס אונז נוצן היינט פאר די לוח, וואס דער רמב"ם האט שוין אויסגערעכנט אין די פריערדיגע פרקים, דאס קען נישט זיין פון וואס מ'רעדט סוד העיבור אז דאס איז די חכמה, ווייל דאס איז א פשוט'ע זאך. **אפילו תינוקות של בית רבן מגיעים עד סופו, בשלושה או ארבעה ימים.** ס'דארף טאקע א דריי פיר טעג, אבער אין דריי פיר טעג קענען זיי עס כאפן.

אונז האבן עס טאקע געלערנט דריי פיר טעג. סאו פון דעם זעען מיר אז א חכמה וואס דויערט דריי פיר טעג צו לערנען, קען נישט זיין אז עס איז די הויכע שפיץ לעוועל חכמה.

**Speaker 2:** רייט. הונדערט פראצענט.

**דיסקוסיע: ר' חיים ויטאל'ס ענליכע סברא וועגן קבלה**

**Speaker 1:** ווייסט ווער ס'זאגט ענליך? ר' חיים ויטאל. ווען ער האקט אויף די פריערדיגע מקובלים, זאגט ער אז... ניין, אויף קבלה. סתם וואס זאגט עס איז אן ענליכע סברא. ער זאגט אז מענטשן זענען אזוי אונטער קבלה. ער זאגט, איך ווייס נישט, אלע וואס די מקובלים אחרונים זאגן קען מען לערנען דריי פיר טעג, אדער דריי פיר קען מען טריי ספר. קען נישט זיין אז דאס מיינט סודות התורה, ווייל ס'איז עפעס א דבר פשוט. ער איז דער מעשה בראשית, ס'מיינט עפעס א טיפערע זאך.

דער רמב"ם זאגט די זעלבע זאך, ס'מוז זיין אז דער סוד איז דאס וואס ער גייט יעצט זאגן, ווייל אז דאס איז א כלל, אויב איינער האט געלערנט קידוש החודש ביז יעצט, איז ער אים שוין שווער געווען ביז יעצט, לאו ווייסט ער איז נאך נישט אויף די מדרגה פון תינוקות של בית רבן פון דעם רמב"ם.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז דער אמת אז ס'איז פשוט, זיי האבן עס געלערנט, ס'איז נישט... יא, איינמאל מ'לערנט זיך אויס די חשבון, יא.

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער. יא. ער זאגט דאך אז מ'דארף נאר די געדולד, וועגן דעם זאגט ער **בשלושה או ארבעה ימים.** ס'דויערט ביז מ'מאכט די קינד זאל עקטשועלי צולייגן קאפ, אבער ווען ס'לייגט צו קאפ איז עס נאר אפאר טעג.

**Speaker 2:** רייט, אבער ס'איז ממש חשבונות, ס'איז מעט, מ'קען עס קרינג מאכן.

**דיסקוסיע: דער ראב"ד'ס שווערע שטעלע**

**Speaker 1:** דער ראב"ד האט געזאגט אז ער קען נישט יענץ אויך נישט, דאס איז מיין פלא. פארוואס האט דער ראב"ד נישט געקענט וואס דער רמב"ם זאגט תינוקות קענען? ווען דער ראב"ד וואלט געווען אויף די פרוקה, מילא, אבער דער ראב"ד זאגט ס'איז פריער, ביי לא ידע ראש, האט דער ראב"ד געזאגט אז ער פארשטייט נישט. קען אייך נישט געבן קיין די דריי פיר טעג וואס ער נעמט.

**Speaker 2:** איך ווייס נישט. ביטול תורה, ער האט נישט געוואלט לערנען דריי פיר טעג.

**Speaker 1:** און ער זאגט דאך דארטן אז ער האט נישט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס.

**Speaker 2:** בשעת ער האט געהאלטן אז ס'איז נישט וויכטיג.

**Speaker 1:** און ער זאגט דארטן אז זיינע רבי'ס האבן עס נישט אויסגעלערנט. כאילו ממילא איז עס נישט ווערט, איך וויל יעצט אוועקגעבן ענערדזשי פאר דעם.

**דער רמב"ם'ס צווייטע התנצלות: פארוואס זיינע חשבונות זענען נישט אלעמאל 100% גענוי**

**Speaker 1:** שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער נאך עפעס א התנצלות. אינטערעסאנט אז דארטן פארשידענע התנצלות'ן. זאגט ער אזוי, רבינו גייט לערנען דעם ספר, און ער וועט אנקומען צו אביסל אנדערע חשבונות. און ער טראכט, "נע, איך האב עס בעסער אויסגעפיגערט ווי דער רמב"ם." זאל נישט זיין אזוי שנעל, זאגט דער רמב"ם.

**שמא יתבונן חכם מחכמי האומות, או אחד מחכמי ישראל שלמדו חכמת יון,** און ער גייט לערנען אין די חכמי יון, ער גייט לערנען אין תלמי למשל די זעלבע חשבונות, **בדרכים אלו שונים מחשבים לראיית הירח.** ער גייט לערנען, ער גייט קוקן מיינע דרכים וואס איך ניץ, מיינע טריקס, מיינע מאטעמאטישע חשבונות, און ער וועט לערנען פון די אנדערע חכמי יון, **ויראה קירוב מעט במקצת הדרכים.** ער וועט זען פארשידענע וועגן איז נאנטער צו אנדערע נאמבערס.

איז למשל, דער רמב"ם זאגט אויף עפעס אז דער חילוק וועט זיין אזויפיל און אזויפיל טעג און אזויפיל און אזויפיל שעות, וועט ער זען אז ס'פעלט מיר אפאר מינוט, אפאר סעקונדס, וועט ער טראכטן **שלא זזה ממנו הטבע זה,** אז איך בין נישט געווען גענוג גענוי, איך האב נישט געמאכט גענוג גענוי, **ולא ידענו שיש באותה הדרך קירוב,** איך האב נישט געוואוסט אז איך זאג עס נאר נאנט צו די ריכטיגע חשבון. ער וועט מיינען אז איך האב נישט געכאפט און איך האב סתם קארנערס.

זאגט ער, אלע אלע אלע איז נישט וועגן איך האב עס נישט געוואוסט, נאר ווייל איך האב געמאכט א חשבון אז אסאך מאל איז עס נישט צו שרייבן. אסאך מאל האב איך עס ביודעים אויסגעלאזט, **מן הידועים, בעיקר הגימטריאות,** ווייל איך האב פארשטאנען מיט די אריינטראכטן אין די טיפערע כללי החשבון, האב איך געוואוסט **בראיות ברורות שאין דבר זה מפסיד בידיעת הראיה, ואין חוששין לו. לפיכך לא דקדקנו בו.**

**דער רמב"ם'ס מעטאדע: "Cancelling out" פון קליינע אפּוויכונגען**

**Speaker 1:** לכאורה וואס איך מיין צו זאגן אפשר איז אזוי: אז ס'איז דא אסאך מאל וואס... לאמיר זאגן די חילוק נאר אויסקומען אפאר מינוט, אבער במשך פון אסאך יארן, טויזנטער, הונדערטער יארן למשל, גייט נישט אויסקומען אז די ווינטער וועט זיין פארריקט. אסאך מאל איז דא קליינע חשבונות וואס האט אבער א ריזיגע עפעקט. און נאכדעם איז דא חשבונות וואס ס'בלייבט קליין.

וואס דער רמב"ם זאגט איז זייער א וויכטיגע זאך. ווען מ'מאכט א בערך, ס'איז זייער יוספול, רייט? אזוי ווי זיי האבן גערעדט, און זיי האבן נישט גערעדט, אונז רעדן די ערשטע מאל.

**Speaker 2:** ניין.

**Speaker 1:** יעצט, יעצט, יעצט, אדער עס איז דא זע איך האב געליגט צו פיל אביסל. איך האב געזאגט למשל, עכט איז עס נאר א האלבע מינוט, איך האב געזאגט א מינוט. אדער עכט איז עס נאך א האלבע מינוט וואס איך האב בכלל נישט געמענטשנט.

זאגט ער, **בכוונה עשינו זה, לפי שיש כנגדו יתרון מדרך אחרת.** למשל, ווען ער דארף אויסרעכענען און דא איז נאך דא אן עקסטרע האלבע מינוט און דארטן פעלט א האלבע מינוט, וועל איך אויסלאזן ביידע, ווייל אזוי איז גרינגער די חשבון. נישט ווייל איך האב נישט באמערקט די רעמענדערס, נאר ווייל דא האט נישט אויסגעפעלט אזוי שטארק צו ברענגען די רעמענדערס.

**עד שיצא הדבר לאמיתו בדרכים קרובות בלי חשבון ארוך.** איך האב געלאזט פלעצער וואו איך האב עס געלאזט בערך, ווייל אזוי וועט מען נישט

דארפן מאכן קיין טיפע חשבונות. **כדי שלא יבהל האדם שאינו רגיל בדברים האלה.** איינער וואס איז נישט רגיל אין די זאכן, ער וועט זען אסאך נאמבערס ביי ביידע, ביי די פלוס און ביי די מיינוס, וועט ער זען אביסל צו א גרויסע פלוס, אביסל צו א גרויסע מיינוס. האב איך ביי ביידע אראפגענומען, כדי נישט צו ווערן פארלוירן, **בחשבונות שאינו מועילים בראיית הירח.** ווען ס'איז זאכן וואס איז וויכטיג, אז ס'גייט זיך אנזאמלען דערפון אז ס'ווערט ריכטיג, וועל איך עס טון, אבער ווען ס'איז נאך נישט קיין נפקא מינה האב איך אראפגעשניטן.

### א גרויסער כלל אין פעדאגאגיע: דער מלמד מוז אליין וויסן דעם גאנצן בילד

**Speaker 1:** סאו דאס איז דער כלל פון אזוי ווי פעדאגאגיא פון דעם רמב"ם. אז ווען מ'לערנט אויס פאר א מענטש, דער רמב"ם האט דאך געשריבן דא פאר מענטשן וואס זענען נישט רגיל, דער וואס איז רגיל האט געלערנט די חכמי יון ווייסט ער דאך שוין. זאגט דער רמב"ם, דער רמב"ם זאגט פאר יענעם מענטש, דארט מאדי, איך האב דיך נישט געמיינט, דו ווייסט דאך שוין, דו ווייסט, זיי העפי.

אבער יעצט רעדט מען דאך פון איינער וואס ווייסט נישט, דער רמב"ם וויל דאך זיין א מלמד, דער רמב"ם איז דאך געווען א זייער גרויסער מלמד. זאגט ער, דער כלל פון א מלמד איז נישט צו מאכן זיי איז ביידע וועגן. די מלמד טאר נישט פארקויפן קיין אפראקסימאציעס, ווייל ס'איז געגוג נאנט. ס'דארף זיין זייער זייער בדיוק. אבער נאכדעם וואס דו ווייסט די דיוק, מעגסטו ביודעים. אבער דער מלמד דארף אליינס וויסן.

פארוואס? ווייל דו דארפסט דאך וויסן וואס די גאל פון יעדע חשבון איז. אויב דא ווילן אונז נאר אויספרעגן וואס די ראיה איז, ס'קען זיין אז די מארס קומט אויס אינגאנצן פאל נישט לויט די חשבון. אבער איך רעד דאך נישט פון מארס, איך רעד דאך צו די לבנה. סאו אויב לגבי מיין תכלית איז דאס געגוג, די לעוועל פונקטליכקייט, קען איך אויסלאזן די לעוועלס אומפונקטליכקייט וואס איז נוגע. פארשטייסט?

אזוי ווי יעדע לימוד, איינע פון די כללים פון א לימוד איז אז מ'זאל וויסן וואס מ'וויל האבן דערפון, און לפי וואס מ'וויל האבן דערפון, אזוי פונקטליך דארף מען לערנען. און פארדעם דארף דער רבי אליינס וויסן, אויב דער רבי ווייסט נישט אליינס, קען ער מאכן א טעות וואס איז יא נוגע צו זיין מטרה. דאס איז די וויכטיגע חילוק, פארשטייסט?

### אפליקאציע אויף גאנץ משנה תורה

**Speaker 1:** סאו, איך מיין אבער איך האב געטראכט אז מ'קען דאס שרייבן מיט די הקדמה פון גאנץ ספר הרמב"ם, נישט נאר דא. ווייל דער גאנץ רמב"ם מאכט דאך געוויסע קיצורים און ער מאכט פשוט'ער אסאך הלכות. זאגט דער רמב"ם, מיין נישט ווייל איך קען נישט די גמרא אזוי ווי דער ראב"ד מיינט אסאך מאל. ניין, איך קען יא, איך האב געהאלטן אז ס'איז נישט קיין נפקא מינה לגבי הלכה, ממילא זאג איך פשוט'ער.

### אנהויב פון די עיקרי החשבונות — הלכה ז

**Speaker 1:** עד כאן איז די הקדמה צו באופן כללי צו דעם ספר, צו דעם חלק פון די חשבונות פון ראיית הירח. און פון דא הייבט ער אן צו זאגן עקטשועלי חשבונות.

**Speaker 2:** יא, נאך נישט, ס'הייסט, די רעסט פון דעם פרק גייט ער נאך נישט זאגן ממש'דיגע חשבונות, ער גייט זאגן כללים וואס די חשבונות זענען געבויט אויף.

**Speaker 1:** באמת איז, אלע פרקים ביז פרק י"ז זענען געוויסע כללים, ווייל נאר אין פרק י"ז קומט ער אן צו זאגן וויאזוי מ'ווייסט ווען די לבנה גייט זיין. אבער קודם זאגט ער כללי כללים, אזוווי וואס זענען די נאמבערס וואס מ'גייט נוצן און אזעלכע זאכן. סאו, לאמיר טרייען צו לערנען וויפיל מ'קען די פשוט'ע זאכן.

זאגט דער רמב"ם, **העיקרים** — מיינט דאך ביי דער רמב"ם מיינט כללים אדער אזוווי יסודות?

**Speaker 2:** יסודות איז ווען דער משל איז א בנין, איז די יסודות הבנין. אבער ווען דער משל איז א בוים, דער עיקר פון דעם בוים. ביידע זענען דאך די זעלבע זאך, די באטעם, די באטעם ליין אויף וואס אלעס איז בעיסד.

**Speaker 1:** **העיקרים שצריך אדם לידע אותם תחלה לכל חשבונות התקופות והגימטריאות.** מ'דארף קודם וויסן די פאקטן, די עיקרים, אז מ'זאל נאכדעם קענען מאכן די אסטראנאמישע חשבונות.

### דער באזיס-סיסטעם פון מעלות (Degrees)

**Speaker 1:**

לאמיך מסביר זיין א סעקונד פארוואס ס'איז זייער נוגע לגבי אונז. ער ברענגט צופיל קאמפליקעישאנס, מיין איך, דער מענטש.

די ערשטע זאך, אונז גייען דאך יעצט, וואס ווילן אונז וויסן? מיר ווילן וויסן וואו אין די הימל גייט מען טרעפן די לבנה, אדער צו מ'קען עס טרעפן בכלל, וואס איז אונטן וכדומה. דארף מען דאך האבן עפעס אן אדרעס צו קענען רעכענען. ווי איך גיי דיר זאגן ס'איז דארטן הויך, לינקס, רעכטס, ס'איז נישט קיין וועג צו רעכענען. ס'דארף דאך האבן א וועג צו רעכענען פונקטליך. מ'דארף האבן אן אדרעסן. רייט.

ממילא האבן די חכמי, איך וויס נישט ווער, איך מיין די חכמי בבל הקדמונים, האבן מחליט געווען א פשוט'ע זאך. יא? זאל מען זאגן אז ס'איז דא א גלגל.

#### וואס מיינט "גלגל" אין דעם קאנטעקסט

יעצט, איך גיי דא זאגן זייער קלאר, ווייל דער רמב"ם האט געהאלטן אז ס'איז דא עפעס א זאך וואס הייסט גלגלים... דאס איז נישט סודי התורה. יא, אבער לאמיר לערנען דא. יעצט לערנטס נישט סודי התורה, יעצט לערנטס חשבונות פון ראיה. איך זאג, יעצט אז ס'איז דא א גלגל, ווייסן נישט. יא, און יעצט איז די נושא פון וואו ס'ארבעט. פאר וואס? אז די גלגל איז דאס וואס דרייט די כוכבים שעליו וכדומה, דאס האבן מיר געלערנט דארט. אבער יעצט איז עס נישט נוגע.

דאס וואס דער רמב"ם זאגט דא גלגל, קען מען לערנען אפילו ווען ס'גליבט נישט אין גלגלים. ס'האט נישט צו טון, ווייל גלגל מיינט סך הכל די שטח אויף וואס ס'לויפט. דו דארפסט אפילו נישט זיין קיין שטח. די פוינט איז, אז דו גייסט אינדרויסן און אינדרויסן, זעסטו אז דער הימל איז רונדיג, ס'איז ארום די גאנצע וועלט, זעסטו אז ס'איז א גלגל, א ספער.

#### די צוטיילונג פון 360 מעלות

איז די ענִי סירקל, צוטיילט מען אזוי. וויאזוי צוטיילט מען די סירקל? אזוי איז די הלכה, אזוי איז די כלל. מען צוטיילט עס אויף 360 פארטס, equal פארטס, וואס דאס רופט מען מעלות. יא, מעלות הייסט אויף ענגליש degrees. מעלות איז אזוי ווי steps, אזוי ווי ס'איז געווען זעכצן steps ביי די בית המקדש, ס'איז די זעלבע מהלך. מעלות איז די טייטש אויף degree. איך ווייס נישט, אפשר מעלות איז די טייטש steps, יא, ווייל ס'גייט ארויף מיינסטו? ס'איז אזוי ווי א circle, ס'גייט ארויף און אראפ, ס'קומט אויך אראפ. אויף ענגליש זאגט מען degrees, איך וועל זאגן degrees, ווייל דאס איז וואס... אויך אויף עברית זאגט מען מעלות.

מ'צוטיילט די הימל אין דריי הונדערט און זעכציג מעלות. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל די זון גייט ארום די גלגל יעדע יאר, ס'איז כמעט פונקטליך דריי הונדערט פינף און זעכציג. סאו יעדן טאג ריקט עס זיך בערך איין degree. נישט פונקטליך. איך זאג נאר אז אפשר וועגן דעם קומט עס די number, ווייל ס'איז בערך דריי הונדערט און זעכציג. אויך זיי האבן שוין געלערנט, דריי הונדערט און זעכציג איז א גוטע number. אבער אויך הייסט, אזוי ווייסט מען, אז דו האסט געמאכט א האלבע דריי, האסטו געמאכט א 180, אזוי געמאכט א פול דריי. יא, יא. אונזער math נוצט נאך

די זעלבע number פון 360. איך זאג נאר אז היסטאריש קומט עס פון דעם.

**צוועלף מזלות**

יא, איז וויפיל איז... אז ס'איז דריי הונדערט און זעכציגסטל, קומט אויס וויפיל איז יעדע מעלה. סאו, יעדע מעלה איז א דריי הונדערט און זעכציגסטל פון די פול circle, פון די פול sphere.

און אונז ווייסן אז אויף די הימל איז דא צוועלף מזלות. אונז צוטיילן, באלד האבן מיר נאך געלערנט וועגן די מזלות, אבער אונז צוטיילן די הימל אויף צוועלף מזלות. דער עיקר, די פארט פון די הימל וואו די זונען לויפן, אדער די אלע שטערן, די כוכבי הלכת לויפן, צוטיילן אונז אויף צוועלף בעיסיקלי. קומט אויס פון יעדע מזל איז 360 divided by 12, וואס איז 30. סארי, די ווייטערונגען טוועלף, יא? קומט ארויס דרייסיג מעלות.

**מזלות זענען נאמען פאר זאנעס, נישט כוכבים**

ס'איז דא יעדע מזל, ס'איז אנדערע ווערטער, וואס מיר גייען זען שפעטער. מיר האבן שוין געלערנט אביסל אין הלכות יסודי התורה, וואס רופן מזלות האט גארנישט מיט די פיקטשערס וואס זעט אויס. ס'איז נאר דרייסיג, רופן עס א מזל. היות אז וואן א ליידיגע הימל וואלטן אונז שווער געקענט טייטל'ן, יעצט איז דארטן די לבנה. אבער דורך די מזלות קענען אונז זאגן פון וועלכע פון די מעלות מ'רעדט.

## Speaker 2:

ניין, ניין, ניין, ס'אוודאי העלפט נישט. ס'איז נישט דא דארטן די כוכבים פון מזל טלה.

## Speaker 1:

מזל טלה איז א נאמען, ס'איז געווען א נאמען פאר די ערשטע דרייסיג מעלות. דאס איז אלעס אין די חשבון. ס'איז נישט דא דארטן די כוכבים פון מזל טלה. ניין.

## Speaker 2:

ניין, נישט היינט, ס'פלעגט זיין.

## Speaker 1:

ס'פלעגט זיין, ס'האט זיך געטוישט. דער רמב"ם האט דאס מזכיר געווען שוין אין הלכות יסודי התורה, אויב איך געדענק. ס'פלעגט זיין דארט די כוכבים, פארדעם הייסט עס אזוי. אבער דאס וואס מ'רופט מזל טלה איז just א נאמען פאר די ערשטע דרייסיג מעלות. ס'איז דא **"והתחלה מתחלת מזל טלה"**, מ'רופט עס מזל טלה. און דאס מזל גייט קלאר, אויב איך געדענק, אין הלכות יסודי התורה. מ'צוטיילט אויף צוועלף, יעדע איינס הייסט א מזל.

**וויאזוי מען מעסט מעלות אויפן הימל**

ס'איז נישט שווער, ווייל דו דארפסט האבן א מעסטער, דו דארפסט האבן עפעס א tool. ס'איז דא אזעלכע tools, וויאזוי הייסט עס? אזא angle tool וואס קען דיר וויזן מעלות אויף די הימל. דאס איז די איינציגסטע וועג וואס דו קענסט עס טון. קוקן אויף די כוכבים גייט דיר נישט העלפן.

**חלקים, שניות, שלישיות — די פיינערע צוטיילונגען**

יעצט, וויבאלד אמאל דארפן אונז קלענערע חלקים פון די מעלה, ווי א degree, א degree איז א דריי הונדערט און זעכציגסטל פון די הימל, ס'איז נאך א גאנץ גאנץ א גרויסע שטח, טוט מען עס אזוי צוטיילן אביסל מער. יא? איך קען דיר וויזן א picture, זיי פארשטייען פשוט, יא?

